# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת בשלח

יז' שבט תשפ"א

יאר 1 גליון 11

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - רחל לאה ראטה

שוין זייער לאנג וואס אונזער טיטשער טיילט טיקעטס פאר ווער עס דאוונט שיין, און זי האט געזאגט אז די וואך וועט אי"ה זיין די גורל. איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל געווינען און ש'כח אייבערשטער איך האב געוואונען!



### ערשטע קלאס - חמי זעלקאוויטש

איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין שבת און שטעטל, און ש'כח אייבערשטער אז לעצטע וואך שבת איז מיין משפחה געפארן אויף שבת אין שטעטל, ש'כח אייבערשטער!



### צווייטע קלאס - הדסה אריה

איך האב פארלוירן מיין קמיע, און איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס שנעל טרעפן. איין טאג ווען איך בין אהיימגעקומען פון סקול האב איך געזען אז מיין קליינע ברודער האט אויסגעפאקט אלע בוקס פון די קלאזעט, איך האב שנעל אנגעפאנגען עס צו צאמפאקן אז מיין מאמע זאל זיך נישט דארפן אראפבייגן און אינמיטן זע איך דארטן מיין קמיע! ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן!



### פערדע קלאס - רבקי שארף

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין שוועסטער זאל טרעפן א שיינע קלייד פאר איר חתונה ביי די גמ"ח פאר זייער ביליג, און ש'כח אייבערשטער אז זי האט געטראפן זייער א שיינע קלייד, ש'כח אייבערשטער!

### עלטסטע קלאס - פערעלע רייך

איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז איך זאל קענען קומען צו בית פיגא סקול, עס האט נישט אויסגעזען ווי איך גיי קענען קומען, אבער איך האב געבעטן די אייבערשטר, און ברוך השם איך לערן אין בית פיגא, ש'כח אייבערשטער!

### בית פיגא ליבערטי - ברכה קורץ

ביי די שבת התוועדות בין איך געגאנגען סלעדינג, עס איז שוין געווען זייער שפעט ביינאכט, און מיין גלעזער איז אראפגעפאלן, איך האב עס נישט געקענט טרעפן ווייל עס איז געווען זייער טונקל, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן, און ש'כח אייבערשטער אז די נעקסטע צופרי האב איך עס געטראפן.



## רעסעפי

### DELICIOUS CHOCOLATE CAKE

1 3/4 c flour

2 c sugar

3/4 c cocoa

1 1/2 tsp baking powder

1 1/2 tsp baking soda

1 tsp salt

2 eggs

1 c water

1/2 c oil

2 tsp vanilla extract



Mix dry ingredients (flour, cocoa, baking powder, baking soda, salt, sugar). Add eggs, water, oil, vanilla. Mix well. Add hot water. Mix. Bake in 9 x 13 for 1 hour on 350°.

**נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!**

## ספר המדותווינקל

### אות אמונה

יט. עַל-יְדֵי אֱמוּנָה נִתְחַכֵּם.
דורך אמונה ווערט מען קלוג.

ל. אֱמוּנָה בָּא עַל-יְדֵי צְדָקָה.
אמונה קומט דורך צדקה.

לב. עַל-יְדֵי אֱמוּנָה יָכוֹל לָבוֹא לְבִטָּחוֹן.
דורך אמונה קומט מען צו בטחון.

לג. עַל-יְדֵי אֱמוּנָה הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ.
דורך אמונה וועט דער אייבערשטער דיר מוחל זיין אויף דיין עבירות.

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

יום א' פרשת אמור, י"ד אייר, פסח שני, כ"ט לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע טאכטער ... תחי'**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך אויף דער וועלט ווי מכבד זיין טאטע מאמע; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרשה כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דער אייבערשטער זאגט: "די גאנצע וועלט איז מיינס - איך האב עס באשאפן, און איך בעט פון ענק נאר איין זאך, איר זאלט מכבד זיין ענקערע עלטערן"; וואויל איז דיר אז דו העלפסט אזוי שיין מאמי, אנשטאט ארויס צו לויפן צו די שכנים שפילן וכו' בלייבסטו אין שטוב העלפן, מיט דעם מאכסטו א נחת רוח פארן אייבערשטן.

נאך אביסל וועסטו אליינס זיין א מאמע פון א שטוב מיט קינדער, דעמאלט וועסטו זען וואס א מאמע גייט אריבער, דעמאלט וועסטו אנהייבן כאפן וואס איז אריבער אויף דיין מאמע תחי', און דעמאלט וועסטו האבן נחת פון דיינע קינדער בזכות וואס דו האסט אזוי שיין געהאלפן דיינע עלטערן, דו וועסט דאנקען דעם אייבערשטן אז דו האסט געהאט שכל צו העלפן אלץ קינד.

וויסן זאלסטו אז נישט אלע קינדער זענען אזוי ווי דיר, ליידער זענען דא קינדער וואס כאפן נישט וואס עלטערן זענען, זיי לויפן ארויס צו שכנים שפילן און זיי לאזן איבער זייער אפגעמאטערטע מאמע אין שטוב וכו'; בדרך כלל כאפן נישט קינדער ווי חשוב עס איז צו העלפן די עלטערן, אבער דו העלפסט אזוי שיין אין שטוב ווי מאמי זאגט מיר אז זי וואלט זיך נישט געקענט אן עצה געבן אן דיר; וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק.

זע צו מקרב זיין אלע מיידלעך וואס זענען בטבע פארמאכט וכו'; זוך זיי אויף און מיט זיי זאלסטו שפילן. אסאך מאל מיינט מען אויף א מיידל אז זי איז פשוט שטיל, אבער קיינער טראכט נישט וואס ליגט אונטער איר שטילקייט, קיינער זעט נישט איר צעבראכענע הארץ, ווי זי שעמט זיך אז זי האט נישט מיט וועם צו שמועסן, דעריבער זאלסטו אייביג מקרב זיין מיידלעך וואס זיצן אין די זייט וועט דער אייבערשטער דיר אויך מקרב זיין, ווייל (סוטה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", ווי אזוי א מענטש פירט זיך אויף, אזוי פירט זיך דער אייבערשטער מיט אים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

פון דיין טאטע וואס האט דיר זייער ליב.




נאר דעם אמת

הערט א שיעור פון מרת לעזער

2,4,2,98

קוואל פון חיזוק

212-444-9169



א גוט שבת!

זמן שבת: 4:55

זמן מוצש"ק: 6:24

# פארוואס הייסט אונזער סקול בית פיגא?

די הייליגע בעל שם טוב האט געהאט א טאכטער אדל, און אדל האט געהאט א טאכטער פיגא, פיגא איז געווען זייער אן ערליכע פרוי. זי איז נישט געגאנגען אנגעטון יאנטשי, זי איז געאנגען אנגעטון שיין, אבער צניעות'דיג. ווען זי האט געדארפט עפעס האט זי געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל עס באקומען.

זי איז געווען אזא צדיקת אז אירע הייליגע ברודערס די "דגל מחנה אפרים", און "ר' ברוך פון מעזביזש" פלעגן איר רופן "פיגא'לע די נביא'טע." עס איז נישט געווען סתם א צונאמען, זי האט געהאט רוח הקודש, און זי איז צוגעקומען צו דעם נאר דורך תפילה און התבודדת.

די בעל שם טוב האט געזאגט פאר ר' נחמן הורידענקער ווען ער האט אים אנגעטראגן זיין שידוך, ווען דו ווענסט האבן א זון און מיין טאכטער אדל וועט האבן מיידל וועלן מיר זיך משדך זיין, און אזוי איז טאקע געווען. פיגא, אדל'ס טאכטער האט חתונה געהאט צו ר' שמחה, ר' נחמן הורידענקער'ס זון.

מזל טוב! מזל טוב! די צדיקת פיגא האט געהאט א אינגל בעיבי! עס איז געווען איר פערטער קינד, און אים א נאמען געגעבן נחמן. פיגא האט זייער אסאך געבעטן די אייבערשטער אז איר זון זאל זיין אן ערליכע איד און א גרויסע צדיק. גלייך ווען ער איז געבוירן האט זי אפגעגאסן זיין הענט מיט נעגל וואסער, און אים גלייך אנגעטון א קאפל אז זיין קאפ זאל שטענדיג זיין צוגעדעקט.

זיין מאמע האט אים גענומען זייער אסאך צו די בעל שם טוב'ס ציון, און געמאכט התבודדות און געוויינט צו די אייבערשטער אז איר זון זאל זיין א צדיק. זי פלעגט אראפלייגן זיין וועגעלע נעבן די ציון, און זי פלעגט אסאך בעטן די אייבערשטער אז איר קינד זאל האבן הצלחה, און זיין אן ערליכע איד.

בזכות זיין מאמע'ס תפילות איז די קינד אויפגעוואקסן "די הייליגע רבי." די גאנצע וועלט איז זיך מחי' מיט זיינע עצות, און לימודים. די הייליגע רבי האט זייער מכיר טוב געווען זיין מאמע, ער האט געזאגט אז זיין גאנצע הצלחה איז נאר וועגן זיין מאמעס תפילות, וואס זי האט געבעטן פאר אים.

די הייליגע רבי האט געבעטן זיינע תלמידים אז נאך זיין פטירה זאל מען אים רופן מיט זיין מאמע'ס נאמען רבינו נחמן בן פיגא, אפילו געווענליך נאך די פטירה רופט מען נאך די טאטע'ס נאמען, אבער די רבי האט געזאגט "מיין גאנצע הצלחה קומט וועגן מיין מאמע'ס תפילות."

**וועגן דעם האט מוהרא"ש געזאגט אז מען זאל רופן די סקול בית פיגא נאך די רבי'ס מאמע, אז מיר זאלן זיך אלע אפלערנען פון די הייליגע רבי'ס מאמע, פיגא די צדיקת. און וואס מען דארף זאל מען בעטן נאר פון די אייבערשטער.**



בית חינוך לבנות בית פיגא ברסלב

# פון אונזערע לערערינס...

יום ב' תרומה תשע"ט

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'

איך האב זייער הנאה פון דיין דרך ארץ'דיגע אויפירונג. אויך דיין הערליכע דאווענען איז א נחת צו הערן, דו לעבסט אויף די קלאס!

האלט ווייטער אן צו זאגן תהלים אזוי שיין, און אויך דיין תפילה ליסט. עס איז אזוי שיין צו זעהן ווי דו נעמסט ארויס דיין גאנצע פייל פון זאכן יעדע טאג נאך דאווענען, און דו ניצט אויס דיין צייט צו רעדן צו די אייבערשטער און זאגן תהלים.

מוהרא"ש האט געזאגט "מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס פאר א רעש ווערט אויבן אין הימל ווען א מיידל עפענט נאר איר מויל צו רעדן צו די אייבערשטער."

געדענק זיך צו פירן מיט חסד און גוטע מידות צו יעדן איינעם, ספעציעל צו די יונגערע מיידלעך ,סיי און סקול, און סיי און די ווען אויף די וועג אהיים פון סקול, ווייל נאך אביסל וועסטו שוין עלטער ווערן און האלטן ביי שידוכים, און יעדער וויל די עיקר א מיידל מיט גוטע מידות.

א גוטן טאג, מיט ליבשאפט,

## נייעס אין בית פיגא

ש'כח אייבערשטער פאר די שיינע שבת התוועדות וואס איז געווען אין שטעטל די פארגאנגענע וואך שבת קודש פרשת בא! ב"ה עס איז געווען א הערליכע שבת און אלע מיידלעך האבן גאר שטארק הנאה געהאט.

פרייטאג אינדערפרי איז מען ארויסגעפארן פון וויליאמסבורג, אויפן וועג איז מען שוין געווען זייער פרייליך און שיין פארברענגט און זיך באקענט מיט די נייע מיידלעך וואס זענען געקומען. שפעטער נאכמיטאג ווען מען איז אנגעקומען, איז געווען צוגעגרייט א ווארעמע טועמיה דורך די חשובע פרויען פון שטעטל.

פרייטאג צונאכטס איז געווען א געשמאקע סעודה, אינמיטן די סעודה האט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די חשובע מיידלעך און דערציילט א הערליכע מעשה און ארויסגעברענגט די כח פון א גוטווארט ווי מען קען מחי' זיין א אנדערע מיידל און איר מאכן פילן גוט.

נאך די סעודה אום 9:00 איז געווען די באטע. מען האט געזינגען זמירות און שיינע אידישע ניגונים, און דערנאך האט מרת לעזער גערעדט פון די גרויסע מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, שבת, און ווי גליקליך מיר זענען אז מיר זענען אידישע קינדער. נאכדעם האט מרת שארף אויפגעטרעטן און אונז פארגעשטעלט די הערליכע פראגראם, און מסביר געווען ווי אזוי עס וועט ארבעטן.

מען האט זיך צאמגעשטעלט אין פיר גרופעס, און יעדע גרופע האט געהאט צוויי חשובע פרויען וואס האבן עס אנגעפירט, די ערשטע גרופע איז געווארן אנגעפירט דורך מרת וועבערמאן און מרת יאקאבאוויטש, מען האט דארט ארומגערעדט וויאזוי מען קען זיך האבן א גוטע קשר מיט די מאמע. ביי די צווייטע גרופע אנגעפירט דורך מרת שמן און מרת פעלדמאן, האט מען ארומגערעדט ווי אזוי מען קען שיין רעדן צו די געשוויסטער און זיי געבן גוטע ווערטער, די דריטע גרופע אנגעפירט דורך מרת שארף, מרת ראטה און מרת יאקאבאוויטש, האט מען געשמועסט וויאזוי מען קען אויפהייבן א חבר'טע מיט איין גוט ווארט און מאכן א מיידל פרייליך. ביי די פערטע, אנגעפירט דורך מרת שארף און מרת אינדיג, האט מען ארומגערעדט וויאזוי מען קען זיך אליין ליב האבן, און האלטן פון זיך. נאך אפאר מינוט האט מען געטוישט אזוי אז יעדע מיידל האט געהאט א געלעגנהייט צו זיין ביי א יעדע גרופע. ב"ה עס איז געווען א הערליכע פראגראם, און אלע מיידלעך האבן גאר שטארק הנאה געהאט און זיך פיל געלערנט פון דעם.

שבת צופרי האט מרת לעזער פארגעלערנט סיפורי מעשיות די אכטע מעשה, די מעשה פון די רב און בן יחיד, און שפעטער בשעת די סעודה האט א חשובע מיידל זיך אויפגעשטעלט און פארציילו א שיינע מעשה. דערנאך האבן אלע מיידלעך געהאט א געלעגנהייט צו פארציילן זייער פערזענליכע מעשיות פון הפצה.

פאר שלש סעודות איז מען געגאנגען צו מרת היילפרין און זי האט געגעבן א שיינע שיעור וועגן אמונת חכמים, צו גלייבן אין א צדיק, ווייל ווען מען לעבט מיט א צדיק האט מען א שיינע לעבן.

מוצאי שבת 9:00 האט מען זיך געוואשן און געגעסן מלוה מלכה. דערנאך האט מרת לעזער פארציילט א מעשה פון א צדיק, ווייל מוצאי שבת פירט מען זיך צו פארציילן א מעשה פון א צדיק.

נאכן בענטשן איז געווען צוגעגרייט א געשמאקע פראגראם, ערשט איז געווען א הערליכע כאר, וואס עטליכע מיידלעך פון סקול האבן אהערגעשטעלט. נאכדעם איז געווען א לאכעדיגע קאמעדי, ווי מען האט ארויסגעברענגט מורא'דיג שטארק די נקודה פון נישט טשעפענען א צווייטן, און זיך נישט שעמען מיט די מאמע. מען האט געזען וויאזוי איין מיידל האט געטשעפעט א צווייטע מיידל, און יארן שפעטער וואס איז געשען מיט זיי.

נאך די פאן פראגראם האט מען געהערט אפאר ווערטער פון די חשובע ראש ישיבה שליט"א, די ראש ישיבה האט גערעדט אז מען דארף מכבד זיין א מאמע און חס ושלום זיך נישט שעמען מיט די מאמע נאר מען זאל איר העלפן, און אז מען זאל אכטונג אויף אן אנדערע מיידל'ס געפילן. דערנאך האט מען לעבעדיג געטאנצן פאר עטליכע שעה ביז די פריע פארטאגס שעות.

ש'כח אייבערשטער פאר אזא הערליכע געשמאקע פרייליכע שבת!!